בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת עקב תשע"ז | פרק ה' | גליון 421 [שנה ט']

**ביאור נחמד אויף די ווארט "בלבבך" לויט דעם הייליגן קדושת לוי**

כִּי תֹאמַר בִּלְבָבְךָ רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִמֶּנִּי אֵיכָה אוּכַל לְהוֹרִישָׁם: לֹא תִירָא מֵהֶם: (ז יז–יח) לכאורה איז שווער פארוואס שטייט כִּי תֹאמַר "בִּלְבָבְךָ", ווען טראכטן אין דיין הארץ, און נישט כִּי תֹאמַר, ווען זאגן רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה? און פארוואס לֹא תִירָא מֵהֶם? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער הייליגער בארדיטשובער רב זאגט אין קדושת לוי פ' שלח: משה רבינו בעט דער אויבערשטער סְלַח־נָא לַעֲוֹן הָעָם הַזֶּה כְּגֹדֶל חַסְדֶּךָ: (שם יט) שטייט: וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי "כִּדְבָרֶךָ": (שם כ) זאגט רש"י כִּדְבָרֶךָ מיינט: דאס וואס דו האסט געזאגט: מִבִּלְתִּי יְכֹלֶת ה' לְהָבִיא אֶת־הָעָם הַזֶּה אֶל־הָאָרֶץ: (יד טז) אז משה רבינו האט געזאגט אויב דער אויבערשטער וועט זיי ח"ו אויסהרגענען וועלן זאגן די פעלקער אז דער אויבערשטער האט נישט געקענט ברענגען די אידן קיין א"י און עס וועט זיין א חילול ה', דעריבער סָלַחְתִּי, פרעגט דער קדושת לוי פארוואס האט אים דער אויבערשטער געדארפט פארגעבן, ער וואלט געקענט לייגן די מחשבה ביי די גויים זיי זאלן נישט זאגן מִבִּלְתִּי יְכֹלֶת ה', וועט שוין נישט זיין א חילול ה'? און ער ענטפערט אז דער דיבור פון א צדיק בלייבט ווי עס שטייט וְתִגְזַר אֹמֶר וְיָקָם לָךְ (איוב כב) צדיק גוזר וכו', ממילא אז משה האט געזאגט די גוים וועלן זאגן מִבִּלְתִּי יְכֹלֶת, און דער אויבערשטער וועט זיי נישט אריין ברענגען וועט זיין א חילול ה', דעריבער סָלַחְתִּי וועגן "כִּדְבָרֶךָ", דו האסט גערעדט עכ"ד, מיט דעם איז הפלא אונזער פסוק: כִּי תֹאמַר בִּלְבָבְךָ כל זמן וועסט זאגן נאר אין דיין מחשבה: אֵיכָה אוּכַל לְהוֹרִישָׁם און נישט ארויס רעדן, לֹא תִירָא מֵהֶם וועט איר נישט דארפן מורא האבן, ווייל עס וועט נישט ווערן. איז זייער גוט די ווארט בִּלְבָבְךָ, מיינט נאר אין מחשבה און נישט רעדן, ממילא לֹא תִירָא מֵהֶם, ווייל עס וועט נישט ווערן. (תפוחי חיים פאנעט אב"ד דעעש קארלסבורג – הורחב ע"י המו"ל)

**אלעס איז א טובה פארן מענטש**

וְיָדַעְתָּ עִם־לְבָבֶךָ כִּי כַּאֲשֶׁר יְיַסֵּר אִישׁ אֶת־בְּנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ מְיַסְּרֶךָּ: (ח ה) עס שטייט ביי שָׂרָה "כּוּלָן שָׁוִין לְטוֹבָה" טייטשן צדיקים בי שָׂרָה איז אלעס וואס דער אויבערשטער האט געטאן מיט איר איז געווען גוט, מיט דעם טייטשט מען שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד: וואס איז ידוע ה' איז מדת הרחמים און אֱלֹקֵינוּ איז מדת הדין, א איד דארף גלויבן סיי עס גייט ביי אים גוט'ס, רחמים, און חלילה פארקערט, מדת הדין, דארף ער וויסן ה' אֶחָד, אלעס איז רחמים און לטובה, און אין אקדמות זאגט מען עֲבִידִין לֵיהּ חֲטִיבָא בִּדְנַח וּשְׁקַעְתָּא: טייטשט מען, אז אידן מאכן דעם אויבערשטן אז ער איז א חֲטִיבָא, איינס, סיי בִּדְנַח, מיינט רוהיג, עס גייט גוט, און סיי וּשְׁקַעְתָּא, א לשון פון שקיעה, נידעריג, אין די שווערע מצבים, אז דער אויבערשטער מיינט אלעס נאר לטובה. דאס קען זיין פשט אין פסוק וְיָדַעְתָּ עִם־לְבָבֶךָ, זאלסט גוט איינזעהן, כִּי כַּאֲשֶׁר יְיַסֵּר אִישׁ אֶת־בְּנוֹ, אזוי ווי ווען א טאטע שטראפט א קינד, מיינט ער נאר גוט'ס פארן קינד, ה' אֱלֹקֶיךָ, דאס זעלבע איז ווען דער אויבערשטער, מְיַסְּרֶךָּ, טוט דיר שטראפן, דאס איז נאר גוט'ס פאר דיר, און צדיקים טייטשן כִּי הִנֵּה אֹיְבֶיךָ ה', אֹיְבֶיךָ, מיינט יסורין וואס א מענטש האט זיי פיינט, אבער אויב מען ווייסט אז דאס איז פון אויבערשטן, כִּי הִנֵּה אֹיְבֶיךָ יֹאבֵדוּ, דעמעלטס וועט דער אויבערשטער זיי שנעל אוועק נעמען פון דיר. (שמח זבולון תשע"ז)

**קשר פון וקשרתם -תפילין, צו ולמדתם- לערנען תורה פאר דיינע קינדער**

וּקְשַׁרְתֶּם אֹתָם לְאוֹת עַל־יֶדְכֶם וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֵיכֶם: וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת־בְּנֵיכֶם: (יא יח יט) צו פארשטיין די קשר פון וּקְשַׁרְתֶּם, תפילין צו וְלִמַּדְתֶּם, לערנען מיט דיינע קינדער? הר' זוסמאן סופר אב"ד פאקש האט דערציילט פון זיין ברודער ר' חיים סופר דער מחנה חיים געווען רב אין מונקאטש. איינמאל אין חודש אלול, איז ער געפארן אויף קברי אבות אין פרעשבורג, און עס זענען געווען אסאך ארימעלייט וואס האבן געבעטן א נדבה און דער מחנה חיים האט קיינעם נישט אפגעזאגט [ווי עס איז ידוע אז דער הייליגער חת"ם סופר פלעגט אסאך רעדן מיט זיינע תלמידים וועגן נישט אפזאגן א ארימאן און יעדן געבן סיי וואס, זעהט די מעשה פון ר' אבישׁ'ל מפראנקפורט מדור העובדות, המו"ל] און האט יעדן געגעבן לויט זיין פארשטאנד, איין ארימאן האט ער געגעבן א גאלדנעם דוקַאט, א גרויסער סכום, און זיינע נאנטע האבן געפרעגט פארוואס ער האט דוקא יענעם ארימאן געגעבן אזא גרויסע סומא געלט? האט דער מחנה חיים זיי געענטפערט מעשה שהיה כך היה:

מיין טאטע הגאון ר' פישל סופר איז געווען א מלמד אין פרעשבורג און האט געהאט א גרויסע משפחה און די געהאלט איז נישט געווען גענוג, איז מיין טאטע געגאנגען צו דעם גבאי פון די קהילה ער זאל אים העכערן זיין געהאלט, ענטפערט אים דער גבאי, דו האסט אסאך זין ב"ה צו וואס דארפן זיי אלע לערנען תורה, קלייב אויס איינער זאל טאקע לערנען און די איבעריגע זאלן נעמען א פאַכט און פארדינען געלט און גרינגער מאכן פאר דיר! האט אים מיין טאטע געענטפערט: עס זעט אויס אז דו לייגסט נישט קיין תפילין! האט דער גבאי געגעבן א געשריי, דאס איז א חוצפה פון דיר צו זאגן אז איך לייג נישט קיין תפילין! האט אים מיין טאטע געזאגט איך האב נישט געמיינט דיר צו באליידיגן, איך וועל אייך נאר פרעגן פארוואס לייגט איר טאקע תפילין יעדן טאג? האט אים דער גבאי געענטפערט ווייל עס שטייט אין די הייליגע תורה וּקְשַׁרְתֶּם אֹתָם לְאוֹת עַל־יֶדְכֶם וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֵיכֶם, פרעגט אים מיין טאטע און עס שטייט נאכדעם: וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת־בְּנֵיכֶם, איז שווער וואס איז די שייכות פון זייביידע? נאר אזוי ווי א טאטע איז מחוייב צו קויפן פאר יעדן קינד א פאר תפילין און קען נישט זאגן איך וועל נאר קויפן איין פאר תפילין און פאר די אנדערע קינדער וועל איך נישט קויפן, אזוי אויך ביי לערנען מיט די קינדער איז דא א חיוב צו אויס לערנען תורה צו אלע פון דיינע קינדער! דער גבאי איז געווארן פארשעמט אבער איז געווארן אין כעס און האט געזאגט איך גיב נישט קיין הוספה אין דיין געהאלט!

מיין טאטע האט געזען אז עס העלפט נישט איז ער אוועק רוהיגערהייט און האט נאר געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל אים העלפן, און האט טאקע געלערנט תורה פאר אלע זיינע קינדער און ב"ה זיי זענען אלע געווארן גדולי תורה, דער גבאי האט באקומען זיין עונש און פארלוירן זיין פרנסה, און האט געמוזט שיקן זיין זון גיין קלייבן נדבות אויף צו לעבן, האט אויס געפירט מיין טאטע, דער ארימאן איז געווען דער זון פון יענעם גבאי, און איך האב רחמנות געהאט אויף אים און דעריבער געגעבן א שיינע נדבה ע"כ הסיפור.

דאס איז די קשר פון תפילין צו לימוד תורה: א חיוב צו קויפן תפילין פאר אלע קינדער, און א חיוב צו לערנען תורה מיט אלע דיינע קינדער. (בית ישראל השלם למוח"ז אדמו"ר ממאטערסדארף)

# מדור העובדות

## ר' אביש'ל מפראנקפורט א גאון הגאונים און עניו וואס דער בעש"ט הק' האט מעיד געווען אז ער האט רוח הקודש

אלע וויסן דער מאמר חז"ל –אגב עס שטייט נישט אין די גמרא נאר עס נעמט זיך פון הייליגן זוהר: הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל: (זוה"ק פר' נשא דף קל"ד ע"א) עס איז געווען א גאון הגאונים וואס איז געווען א חבר בנגלה מיטן הייליגן פני יהושע. דער הייליגער בעל שם טוב זיע"א האט מעיד געווען אויף אים אז ער איז א בעל רוח הקודש. ער האט געהייסן ר' אברהם אביש פילד זצ"ל. ער איז געווארן אב"ד אין שטאט פראנקפורט נאכן פני יהושע. ער איז אויך געווען אב"ד אין נאך קהילות. ער האט מחבר געווען ספר ברכת אברהם, אויף מסכת פסחים און אויף סדר מועד וואס די גאוני עולם האבן באוואונדערט זיין גאונות און כח החידוש הונדערט יאר שפעטער. ער איז אויך געווען א ידיד מיטן הייליגן מגיד ממעזריטש זיע"א, און אויך דער הייליגער קדושת לוי מבארדיטשוב, דער קאזניצער מגיד און נאך גדולי צדיקים. ער איז נסתלק געווארן י"א תשרי תקכ"ט.

ביי די היינטיגע יונגער דור לומדי תורה איז כמעט נישטא ווער זאל וויסן וועגן אים, און עס איז כדאי אז דער הייליגער צדיק זאל זיין א מליץ יושר פאר אונזערע לייערס מען זאל אים דערמאנען, וועט מען אויך דערציילן פון זיין אויסער געוועינטליכע מדת הענוה און שפלות און זיין חסד פאר יעדן איד.

ר' אביש'ל -אזוי האט מען איהם גערופן- פלעגט דאגה'ן פאר די ארימעלייט, און וואו ער איז געווען דער רָב פלעגט ער נישט קוקן אויף זיין כבוד און פלעגט אליין גיין צו די גבירים נאך געלט. על פי רוב האבן די גבירים שוין מכבד געווען דעם רָב מיט א שיינע נתינה און דורך דעם האט ער נישט געדארפט אסאך ארום גיין. ווען ער איז אויך געווארן רָב אין פראנקפורט האט ער זיך אויך אזוי געפירט און איז געגאנגען נאך געלט. גלייך פון אָנפַאנג האט יעדער געזעהן אז ער א דערהויבענער איד און איהם געגעבן א שיינע נתינה. איינמאל איז ער אנגעקומען צו א גרויסער גביר צו בעטן צדקה, דער גביר האט נאך נישט געקענט ר' אביש'ל, און ער איז געווען פארטאן אין זיינע חשבונות, און דער רָב קומט אריין אוןווארט מיט דרך ארץ ביז דער איד זאל איהם אנעמען. ערווארט און ווארט ביז דער איד מערקט דעם רָב און הויבט אן צו שרייען אויף איהם "דו זעהסט נישט אז איך בין יעצט פארנומען מיט מיינע ביכער!" און זידלט אן דעם רָב און הייסט איהם ארויסגיין פון שטוב. דער רָב האט זיך נישט גערונגען מיטן איד און איז אוועק געגאנגען זייער רוהיג.

ווען דער איד האט געענדיגט זיינע חשבונות האט ער געוואלט גיין אויף א שפאנציר כדי זיך צו בארוהיגן. דער איד האט געהאט א טייערן זילבערנעם שטעקן וואס איז אויך געווען אַנטִיק און ער פלעגט שפאצירן מיט דעם. דער איד נעמט יעצט זוכן זיין שטעקן אין די גאנצע שטוב און טרעפט דאס נישט. אַהַא! דאס איז זיכער די ארבעט פון יענעם משולח וואס האט געוואלט נקמה נעמען פון מיר, ווייל איך האב איהם נישט געגעבן צדקה! איך וועל איהם שוין אויפזוכן און גוט שלאגן ביז ער וועט מודה זיין און מיר צוריק געבן מיין שטעקן. דער איד טראכט אז ער וועט איהם טרעפן ביי די הייזער פון די גבירים, און זוכט און זוכט ביז ער זעהט דער משולח לעבן א שטוב פון א גביר. ער גייט צו צו איהם און פרעגט איהם וואו איז מיין שטעקן? ענטפערט דער רב איך וויים נישט פון קיין שטעקן! דער איד נעמט זיך שרייען אויף ר' אביש'ל און פון רוב כעס האט ער איהם גענומען שלאגן. ר' אביש'ל האט אנגענומען אלעם באהבה און מיט אמונה, אז אלעם קומט איהם, ביז דער איד האט געזען אז די שלאגן העלפט נישט און ער האט איהם אפגעלאזט. אבער אין א פאר טעג ארום האט דער איד געטראפן דעם שטעקן. און עס איז אים געווארן זייער שווער אויפן הארץ, היתכן ער האט חושד געווען א איד און איהם נאך געשלאגן אומזינסט!

דעמאלטס איז עפעס געשעהן אין די שטאט פראנקפורט און די ראשי הקהלה האבן מחליט געווען אז דער רָב וועט רעדן א דרשה פון חיזוק און באפוילן אז אלע געשעפטן מוזן זיין פארמאכט און אז אלע מענער פון שטאט מוזן קומען הערן די דרשה. מען האט געשטעלט צעטלאך אין די גאסן און דער איד האט אויך געזעהן די צעטלאך און איז געקומען אין שוהל הערן די דרשה. ווען ר' אביש'ל איז ארויף אויף די בימה אנצוהויבן זיין דרשה האט דער איד גע'חלש'ט. עס איז געווען אים שווער צו דערמינטערן, און ווען ער איז שוין יא געקומען צו זיך האט מען איהם געפרעגט פארוואס האט ער גע'חלש'ט? האט ער געענטפערט: אז ער האט גע'זידלט און געשלאגן דעם רָב נישט וויסנדיג אז ער איז דער רָב, און ווי קען ער זיך מוחל זיין פאר דעם גרויסן פארברעך? האט אים איינער געזאגט: זארג זיך נישט, דער רָב איז זייער א ווייכער און א גוטער. ווארט ביז נאך די דרשה און דו וועסט גיין צו איהם און איבערבעטן און ער וועט דיר זיכער מוחל זיין.

נאך דעם ווען דער רָב האט געענדיגט די דרשה איז ער צו געגאנגען מיט די גרעסטע הכנעה און בושה ווארטן ביז דער רָב וועט אראפגיין פון בימה און אים איבערבעטן. אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארן ווען ער האט געזעהן דער רָב קומט איהם גאר אַנקעגן און בעט איהם מחילה מיט דעם וואס ער האט איהם גורם געווען עגמת נפש פארן שטעקן. דער איד ווערט פארלוירן און צו טומלט און זאגט "ער פארשטייט נישט וואס גייט דא פאר?" דערווייל האבן די מענטשן פון שול געהערט די גערודער און האבן געוואלט וויסן וואס איז דא געשעהן? און דער איד וואס האט שוין געהאט געגוג חרטה און געפילט דערשלאגן, האט זיך אנגערופן ברבים די גאנצע עבירה וואס ער האט געטאן כלפי דער רָב. און ער איז מוכן צו מקבל זיין וואס פאר א עונש מען וועט איהם געבן כדי ער זאל האבן א כפרה. דער רָב נעמט זיך רעדן: "האסט נישט וואס צו זארגן איך בין דיך מוחל בלב שלם, און דיין כפרה איז די בושה וואס דו האסט דא געהאט. אבער זאלסט מקבל זיין אז ווען א איד קומט צו דיר נאך געלט זאלסטו איהם שיין אויפנעמען". דער איד האט צו געזאגט אין איז אוועק פון דארט א צופרידענער.[זעהט פריערט ביי די תורה דער סיפור פון מחנה חיים וואס מיר האבן געברענגט פון מוח"ז דער בעל בית ישראל ממאטטערסדארף] דער מעשה האט דער הייליגער בעל שם טוב דערציילט און האט געשמייכלט ווען ער האט דאס געזעהן ברוח קדשו און דערציילט פאר די חברייא די מעשה און וועגן דעם האט ער געשמייכלט. דאס איז א מוראדיגן עבודה פון שפלות און ענוה.

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*גמרא שייך להגאון ר' חנוך העניך אייניש בעל המרחשת 2500 $, מכתב ברכה לנדיב גדול מהגאון ר' יאשע בער מבריסק ירושלים $1000, ספר אורים ותומים לר' יהונתן אייבישיץ ב' חתימות הגאון ר' מרדכי הלוי איש הארוויץ רבו של המגיד מקאזניץ עם קצת הגהות $5000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500 שערי ציון דפוס זיטאמיר $1600 מדרש רבה דפוס זיטאמיר, ספר זרע בירך דפוס ראשון מסוגל לשמירה, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, ספר שייך להגה"ק ר' משה הגר מראדאוויץ ועוד הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM* Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim,**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען

דער גליון איז מוקדש לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י היה בן י"ד עזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז